פּאַכיק, און איינער זעכציקפּאַכיק, און איינער
הונדערפּאַכיק.
21 און ער האָט צו זיי געזאָגט: צי קומט דען דאָס
ליכט, כדי געשטעלט צו ווערן אונטער אַ מאָסשעפּל,
אָדער אונטערן בעט? ניין, נאָר כדי עס זאָל געשטעלט
22 ווערן אויף דעם לייכטער. וואָרום קיין זאַך איז
נישט פֿאַרבאָרגן, אַ חוץ כדי אַנטפּלעקט צו ווערן;
און קיין זאַך איז נישט פֿאַרהוילן געוואָרן, וואָס
23 וועט נישט מפורסם ווערן. אויב עמיצער האָט
24 אויערן צום הערן, זאָל ער הערן! און ער האָט
צו זיי געזאָגט: גיט אַכטונג, וואָס איר הערט!
מיט וואָס פֿאַר אַ מאָס איר מעסט, וועט אייך גע־
מאָסטן ווערן, און עס וועט אייך נאָך צוגעגעבן ווערן
25 אַ צולאָג. וואָרום ווער עס האָט, דעם וועט געגעבן
ווערן; און ווער עס האָט נישט, פֿון דעם וועט
אָוועקגענומען ווערן אַפֿילו דאָס, וואָס ער האָט יאָ.
26 און ער האָט געזאָגט: אַזוי איז דאָס קעניגרייך
פֿון ג־ט, ווי אַ מענטש וואָלט געוואָרפֿן דעם
27 זאָמען אויף דער ערד, און לייגט זיך שלאָפֿן
און שטייט אויף, בייַנאַכט און בייטאָג, און דער
זאָמען שפּראָצט אַרויס און וואַקסט אויף, אָן זיין
28 וויסן וויאַזוי. פֿון זיך אַליין ברענגט די ערד אַרויס
פּירות; צום ערשט דאָס גראָז, דערנאָך די זאַנג,
29 נאָך דעם פֿולן ווייץ אין דער זאַנג. ווען אָבער די
פּרוכט דערלאָזט עס, שיקט ער גלייך דעם סערפּ
אַהין, ווייל די שניט־צייט איז שוין אָנגעקומען.
30 און ער האָט געזאָגט: וויאַזוי זאָלן מיר פֿאַר־
גלייכן דאָס קעניגרייך פֿון ג־ט, אָדער אין וואָס
31 פֿאַר אַ משל זאָלן מיר עס לייגן? עס איז ווי אַ
זענעפֿט־קערנדל, וואָס, ווען עס איז פֿאַרזייט אין
דער ערד, הגם עס איז דאָס קלענסטע פֿון אַלע